## משוגעים-הייזער זינגען:

דאָס זענען מיר אַנטלאָפֿן אַליין
זיך באַהאַלטן אונטער קראַטעס:
באַהאָנגען שווער מיט געוויין
איז די וועלט, ווי מיט שמאַטעס.

אייער לעבן איז פֿאַרנאַכט און באַגינען —
די גאַס האַלט כסדר אין בלוטן...
מאַמעס גייען אַראָפּ פֿון זינען,
קינדער שטאַרבן אָפּ ווי מינוטן.

און טאַטעס פֿאַרשווינדן ווי יאָרן,
נאָר נישט אַזוי לאַנגזאַם און שטיל;
זיי זענען נישט-צייטיקער קאָרן
אייליק געפֿירט צו דער מיל...

און ווו ס׳פֿאָרט דורך דער וואָגן,
דאָרט וועט שוין נישט וואַקסן קיין גראָז.
און איר קאָנט נישט מער ווי קלאָגן,
אייער שטים צעברעכט זיך ווי גלאָז.

אייערע טעג זענען ליידיקע לעכער,
אייער גליק — פֿאַלש געניייטע קנעפּ;
און ווילט איר כאַפּן די פֿאַרברעכער,
כאַפּט איר זיך אַליין פֿאַר די קעפּ...

און די נאַכט וויל זיך דווקא איבערקערן,
אין אייער מוח ווי אַ משוגעת,
און איר הערט, אַז מיט די ווייסע שטערן
ווי מיט ציין קריצט דער הימל פֿאַר כעס.

איר ווייסט נישט ווו לויפֿן, און טראַכט:
מאין יבא עזרי, מאין?
נאָר אייער צייט פֿאַרראַט אייך און לאַכט
און וויקלט זיך ווי אַ טוך אַרום קין...

כאָרכלט אין גסיסה ס׳דאָרף און די שטאָט
זיפֿצט קראַנק-אומריין ווי מצורעים.
און איר קומט נאָך הילף צו אונדז — אייער גאָט,
צו אונדז, די גרויסע משוגעים ...

---

**פֿאָלקסצייטונג,ז.7. 29.7.1938**